בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# דֶערְלֶעבְּט בָּרוּךְ הַשֵּׁם

ווִי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט ווִי פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן יֶעדֶער אִיד קֶען זַיין, בִּפְרַט אִין דֶעם דוֹר וָואס מִיר הָאבְּן 'דֶערְלֶעבְּט בָּרוּךְ הַשֵּׁם', צוּ בַּאקוּמֶען דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה, "רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", וואוֹיל אִיז אוּנְז אוּן וואוֹיל אִיז אוּנְזֶער חֵלֶק.

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהַרָא"ש זי"ע

### מַטוֹת מַסְעֵי תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# דֶערְלֶעבְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם

א.

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה פַּרְשַׁת מַטּוֹת, רֶעדְט דִי תּוֹרָה אַרוּם פוּן דִי דִינִים וָואס אִיז פַארְהַאנֶען וֶוען אֵיינֶער מַאכְט אַ נֶדֶר אָדֶער אַ שְׁבוּעָה, וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶער חִידוּשׁ, "אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶען נֶעמֶען אַזַאךְ וָואס אִיז מוּתָּר, אוּן מִיט זַיין וָוארְט דָאס מַאכְן אָסוּר!" פוּן דֶעם קֶענֶען מִיר זֶעהְן דֶעם גְרוֹיסְן כֹּחַ וָואס אַ וָוארְט פוּן אַ אִיד הָאט.

און ווידֶער זֶעהְט מֶען פון דָא אוֹיךְ דִי כֹּחַ פון דִי חֲכָמִים און דִי צַדִּיקִים, אַז אוֹיף יֶעדֶע נֶדֶר וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעמַאכְט, קֶענֶען זֵיי טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ וֶועג און אַ עֶפֶּענוּנְג וִוי אַזוֹי עֶס צוּרִיק צוּדְרֵייעֶן און דָאס מַתִּיר זַיין, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (נְדָרִים ס״ד ע״א), לְמָשָׁל: אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ נֶדֶר, און עֶר זָאגְט ״אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין דֶעם הוֹיז״. און נָאכְדֶעם הָאט מֶען אִין דֶעם הוֹיז גֶעמַאכְט אַ שׁוּהְל, אִיז שׁוֹין דָא עֶפֶּעס אַ עֶפֶּענוּנְג דָאס מַתִּיר צוּ זַיין, און מֶען פְרֶעגְט אִים: ״וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעווּאוּסְט אַז דָא וֶועט זַיין אַ שׁוּהְל וָואלְסְטוּ דֶען בִּכְלַל גֶעמַאכְט דֶעם נֶדֶר?״ און עֶר זָאגְט: נֵיין! קֶען מֶען אִים מַתִּיר זַיין דֶעם נֶדֶר (עַיֵּין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רכח, סְעִיף ז; רַמָ״א שָׁם סְעִיף יג; ט״ז שָׁם סְעִיף קָטָן כ, שַׁ״ךְ סְעִיף קָטָן כ״ד).

זֶעהְט מֶען פון דֶעם, אַז סֵיי פון אַ ׳הֶיתֵּר׳ קֶען מֶען מַאכְן אַ ׳אִיסוּר׳, און פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַז מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק ׳מַתִּיר נֶדֶר׳ זַיין, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיטְן אִיסוּר פון נְדָרִים וּשְׁבוּעוֹת, וָואס עֶס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע

## דֶערְלֶעבְּט בָּרוּךְ הַשֵּׁם

**עֲבֵירָה** (רְאֵה שַׁבָּת דַּף לב ע״ב; שָׁם לג ע״א; נְדָרִים כ ע״א; שָׁם דַּף עז ע״א; תַּנְחוּמָא, מַטּוֹת א׳; תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק כו; וַיִּקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה ו, סִימָן ג). **דֶערְפַאר זָאגְן חַזַ״ל** (נְדָרִים ט ע״א): **עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען בִּכְלַל נִישְׁט מַאכְן קַיין נֶדֶר, וִוי אֵיידֶער יָא צוּ מַאכְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז דָאס מְקַיֵים! אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט** (קֹהֶלֶת ה, ד): **טוֹב אֲשֶׁר לֹא תִדֹּר וְגוֹ׳**[1].

---

[1] דֶערְפַאר פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אֵייגֶענֶע שׁוּהְל׳ן [שׁוֹין אִיבֶּער פֶערְצִיג יָאר צוּרִיק], הָאבּ אִיךְ אַיינְגֶעפִירְט, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁנָדֶר׳ן! אַ מֶענְטְשׁ קֶען גֶעבְּן וִויפִיל עֶר וִויל, אָבֶּער נִישְׁט זָאגְן בַּיים ׳מִי שֶׁבֵּרַךְ׳: בַּעֲבוּר שֶׁיִּתֵּן ... — עֶר וֶועט גֶעבְּן אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל; וַוייל דֶעמָאלְטְס אִיז עֶס אַ נֶדֶר, וָואס דָאס אִיז מוֹרָא׳דִיג הַארְבּ אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט.

אוּן דָאס וָואס מֶען זָאגְט אִין טֵייל פְּלֶעצֶער: בַּעֲבוּר שֶׁ... ׳צִוָּה לְבָרְכֵם׳ — עֶר הֵייסְט בֶּענְטְשְׁן דֶעם עוֹלָם; דַארְף דָאךְ אוֹיךְ הָאבְּן אַ פְּשַׁט, ״קוֹדֶם דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט קֶענֶען נִמְשָׁךְ וֶוערְן דוּרְךְ אִים אַ בְּרָכָה פַארְן עוֹלָם, אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען בַּאפֶעלְן אִין הִימְל צוּ בֶּענְטְשְׁן דֶעם עוֹלָם, אָבֶּער סְתַּם אַז אֵיינֶער זָאגְט עֶס, הָאט דָאךְ עֶס נִישְׁט קַיין פְּשַׁט.

אַוַודַאי קֶען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז אִין דִי זְכוּת פוּן דִי צְדָקָה וָואס עֶר גֶעט זָאל אִים דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם בֶּענְטְשְׁן מִיט אַלֶעס גוּטְס, אָבֶּער וִויבַּאלְד אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעזֶעהְן אַז מֶען אִיז מַכְשִׁיל דוּרְכְדֶעם מֶענְטְשְׁן מִיט נְדָרִים, וָואס דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אַזַא פָּשׁוּטֶע זַאךְ וִוי מֶען מֵיינְט, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת לב ע״ב): צוּלִיבּ דִי עֲבֵירָה פוּן נְדָרִים שְׁטַארְבְּן יוּנְגֶע קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָדֶער אַנְדֶערֶע שָׁאדְנְס

## ב.

אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן נְדָרִים קֶענֶען מִיר זִיךְ אוֹיךְ לֶערְנֶען נָאךְ אַ זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, וִוי וַוייט מֶען דַארְף חָשׁוּב הַאלְטְן אוּן טֵייעֶר הַאלְטְן דִי פְּרוֹי, אוּן זֶעהְן אַז אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, דֶערְפַאר רֶעדְט דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה בְּעִיקָר פוּן אַ פְרוֹי, וַוייל אוֹיבּ וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אַ פְרוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן מֶען גֶעט אִיר נִישְׁט נָאךְ וָואס זִי וִויל, בְּלָאזְט זִי זֵייעֶר שְׁנֶעל, אוּן זִי טַאנְצְט אוֹיף אוּן שְׁוֶוערְט אָדֶער זִי מַאכְט אַ נֶדֶר: מֶער וֶועל אִיךְ דִיר נִישְׁט אָנְקוּקְן! אוּן דָאס גְלַייכְן. וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט (בַּמִדְבָּר ל, ד): אוֹיבּ אַ פְרוֹי מַאכְט אַ נֶדֶר, וֶוען זִי אִיז נָאךְ בַּיים טַאטְן אִין שְׁטוּבּ, קֶען עֶס דֶער טַאטֶע מַתִּיר זַיין, אוּן אַז זִי הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, קֶען עֶס דֶער מַאן צוּשְׁטֶערְן.

---

וָואס גֶעשֶׁעהְט דוּרְכְדֶעם. דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ אַיינְגֶעפִירְט אַז מֶען זָאל גָארְנִישְׁט צוּזָאגְן (עַיֵין שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״ש חֵלֶק ג, אוֹת נְדָרִים).

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וויסְן אַז אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן, מֶען דַארְף זַיין אַ וַותְּרָן און נָאכְגֶעבְּן אִין שְׁטוּב, אֲפִילוּ אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַז מֶען הָאט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּב, דָאךְ דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד, און הָאבְּן שֵׂכֶל אָפְּצוּשְׁוַוייגְן און נָאכְגֶעבְּן, וָואס אַזוֹי אַרוּם קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ אַז זִי זָאל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן און מַאכְן אַ נֶדֶר, חַזַ"ל זָאגְן (דֶרֶךְ אֶרֶץ זוּטָא פֶּרֶק א): לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם עָלוּב בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אָפְּצוּשְׁוַוייגְן אוֹיף וָואס מֶען זָאגְט אִים אַרַיין אִין שְׁטוּב, זִיךְ בֵּייגְן דֶעם קָאפּ און מַסְכִּים זַיין, "ווִילְסְט אַזוֹי, זָאל זַיין אַזוֹי". אַזוֹי אִיז שׁוֹין אַלֶעס פַּארְטִיג, און מֶען קוּמְט נִישְׁט צוּ קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.

אָבֶער דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז וֶוען אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט אִים מוּז עֶר אִים צוּרִיקְגֶעבְּן, וָואס דָאס קוּמְט פוּן דִי בְּלוּט וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלוֹיטֶערְט און אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט, און דָאס קָאכְט אִין אִים, אַז עֶר מוּז צוּרִיק שְׁפְּרִינְגֶען און צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עה): אַלֶע מַחְלוֹקֶת קוּמְט פוּן

דִי בְּלוּט וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט 'מְזוּכָּךְ', אוּן מֶען קֶען דָאס נָאר רֵיינִיגְן דוּרְךְ אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן אַסַאךְ תְּפִלָּה; וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ אַסַאךְ 'פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת', 'בְּלֶעטֶער גְמָרָא', 'סִימָנִים שֻׁלְחָן עָרוּךְ', 'זֹהַר' וְכוּ', אִיז שׁוֹין זַיין גַאנְצֶער כֹּחַ אוּן בְּלוּט אַרַיין אִין דִי אַלֶע הֵיילִיגֶער וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אוּן דִי גַאנְצֶע יֵצֶר הָרַע פוּן מַחְלוֹקֶת, וָואס קוּמְט פוּן דִי הֵייסֶע בְּלוּט וָואס עֶר הָאט, אִיז שׁוֹין בָּטֵל גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן צוּ דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט וִוי אַזוֹי מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, אוּן עֶס בְּרֶענְט אִים צוּרִיק צוּ זָאגְן עֶפֶּעס, אוּן דָאךְ שְׁוַוייגְט עֶר אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה.

מֶען זֶעהְט אָבֶער אַז דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (הִלְכוֹת דֵעוֹת פֶּרֶק ו, הֲלָכָה ו): וֶוען אֵיינֶער אִיז דִיר מְבַזֶּה זָאלְסְטוּ נִישְׁט 'שְׁוַוייגְן' אוּן אִים פַּיינְט הָאבְּן [אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען בַּיי אַבְשָׁלוֹם (שְׁמוּאֵל-ב יג, כב), אַז נָאכְדֶעם וָואס זַיין [שְׁטוּף] בְּרוּדֶער אַמְנוֹן הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט זַיין שְׁוֶועסְטֶער תָּמָר, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף אִים, הָאט עֶר אִים נִישְׁט פַארְגֶעהַאלְטְן דֶערוֹיף נָאר עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן דִי שִׂנְאָה אִין הַארְץ, בִּיז אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה אוּן גֶערוּפְן 'אַמְנוֹן', אוּן אִים דָארְט גוּט אָנְגֶע'שִׁכּוֹר'ט אוּן דֶערְנָאךְ גֶע'הַרְגֶ'עט], נָאר דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ אִים, אוּן אִים פְרֶעגְן: פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר דָאס גֶעטוּהְן? אוּן זִיךְ מִיט אִים אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אָפֶען, אוּן מִיט דֶעם בִּיזְטוּ אוֹיךְ מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן: **הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ** (וַיִּקְרָא יט, יז). אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס זָאגְט דָא דִי רֶבִּי (שָׁם): **עִיקָר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדּוֹם וְיִשְׁתּוֹק?!**

נָאר בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין שׁוּם סְתִירָה, וַוייל מֶען רֶעדְט דָא פוּן צְוֵויי אַנְדֶערֶע פֶעלֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם רֶעדְט

וֶוען אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ אָן אִין דִיר, אוּן דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר וִויל פוּן דַיין לֶעבְּן הָאבְּן, דֶעמָאלְטְס דַארְפְּסְטוּ גֵיין רֶעדְן צוּ אִים אָפֶּען צוּ דֶערְגֵיין וָואס דָאס הָאט גֶעמֵיינְט, אוּן אַזוֹי אַרוּם זִיךְ דוּרְכְקוּמֶען, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן קֹרַח, אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט רוּפְן דָתָן וַאֲבִירָם, כְּדֵי זֵיי צוּ פְרֶעגְן אָפֶּען פַארְוָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעטְשֶׁעפֶּעט אִין אִים? אוֹיף דֶעם אַרוֹיף הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט (בַּמִדְבָּר טז, יב): **לֹא נַעֲלֶה** - מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אַרוֹיף צוּ דִיר! זָאגְט רַשִׁ״י זֵיי הָאבְּן זִיךְ גוּט פַארֶעדְט: זֵיי וֶועלְן טַאקֶע נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין נָאר אַרָאפְּגֵיין טִיף אִין דֶער עֶרְד.

אָבֶּער דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): מֶען זָאל אָפְּשְׁוַוייגְן! גֵייט אַרוֹיף וֶוען אֵיינֶער זָאגְט דִיר עֶפֶּעס גוּט אַריין, אוּן עֶס אִיז קָאכְט אִין דִיר אִים צוּ עֶנְטְפֶערְן, דָאךְ שְׁוַוייגְסְטוּ אוּן דוּ עֶנְטְפֶערְסְט גָארְנִישְׁט צוּרִיק, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט גֶערֵיינִיגְט דַיין קָאכֶעדִיגֶע אוּן פַארְגֶרֶעבְּטֶע בְּלוּט, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תְּשׁוּבָה.

## ג.

דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָמָה דַף י״א ע״ב): טִפְּשִׁים הָאבְּן מוֹרָא פוּנֶעם שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט זֵיי[2], אָבֶּער אַ חָכָם קוּקְט שְׁטֶענְדִיג וֶוער עֶס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן אוּן פוּן אִים הָאט עֶר מוֹרָא. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס אַן אִיבֶּערְגֵייעֶכְטְץ, עֶר לַיידְט צָרוֹת פוּן אַנְדֶערֶע, לְמָשָׁל פוּן דִי וַוייבּ[3], דַארְף עֶר זִיךְ גְלַייךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן:

---

[2] אַגַב, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן דֶעם כְּלַל, אִיךְ הָאבּ דָאס מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַלְץ קִינְד פוּנֶעם בַּאוואוּסְטְן יְרוּשָׁלַיִמֶ׳ער מַגִיד, רֶבִּי שַׁבְּתַי יוּדֶעלָאוִויטְשׁ זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה: וואוּ מֶען נִיצְט הֶענְט, זָאלְסְטוּ נִיצְן דִי פִּיס! אוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט; וְוִיפִיל אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן צוּשְׁלָאגְן אוּן צוּהַאקְט בִּיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת דוּרְךְ דִי קַאלְט-בְּלוּטִיגֶע רְשָׁעִים אוּן רוֹצְחִים, מִמֵילָא אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ גֵיין צוּ אַזַאלֶעכֶע פְּלֶעצֶער.

[3] אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער חֵלֶק פוּן אַסַאךְ צַדִיקִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע רֶעבֶּעצִין, צוּם בַּיישְׁפִּיל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא מֵאַנִיפָּאלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס צוּ דִי אַלֶע צָרוֹת אָרֶעמְקֵייט אוּן עֶנְגְשַׁאפְט וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעלִיטְן אִין זַיין לֶעבְּן, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע וַוייבּ ׳גֶעוֶענְדְל׳, אוּן שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר גֶעוֶוען דֶער נִרְדָף, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: זוּשָׁא בְּלַייבְּט זוּשָׁא... !
גֶעוֶוען אִיז דָאס אֵיינְמָאל, וֶוען עֶר מִיט זַיין הֵיילִיגֶע בְּרוּדֶער דֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען גָלוּת לַיידְן, אוּן זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גוֹי׳אִישֶׁע קְרֶעטְשְׁמֶע, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין זֵייעֶר שְׁטוּבּ, הָאט פַארְשְׁמֶעקְט פַאר דִי

פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ דִי קְרִיגֶערַיי? מִן הַסְתָּם הָאבּ אִיךְ גֶעזִינְדִיגְט, אוּן מֶען וִויל מִיר דֶערְמַאנֶען פוּן הִימְל אַז עֶפֶּעס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעטוּהְן וָואס מֶען דַארְף; אוּן אַז מֶען לֶעבְּט אוֹיף אַזַא וֶועג אוּן מֶען טוּט גְלַייךְ תְּשׁוּבָה, וֶוערְט אַלֶעס גְלַייךְ צוּרִיק גוּט אוּן זִיס.

---

אָנְגֶע׳שִׁיכּוֹר׳טֶע גוֹיִם זִיךְ אוּנְטֶערְצוּהַאלְטְן אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אוּן מֶען הָאט זֵיי בֵּיידֶע אָנְגֶעטוּהְן וִוי אַ פֶערְד, צוּעֶרְשְׁט הָאט מֶען גֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא אוּן אִים גֶעהֵייסְן טַאנְצְן, אַזוֹי טַאנְצֶענְדִיג הָאבְּן זֵיי אִין אִים כְּסֵדֶר אַרַיינְגֶעשְׁמוּסְן, בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן פוּן דִי כּוֹחוֹת, עֶנְדְלִיךְ זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט וַוייטֶער שִׁיכּוֹר׳ן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא: גֶעבּ מִיר שְׁנֶעל אַהֶער דַיינֶע קְלֵיידֶער, אַזוֹי וֶועל אִיךְ טַאנְצְן פוּן יֶעצְט. וֶוען דִי פְּרִיצִים זֶענֶען צוּרִיק אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: דֶער מָאשְׁקֶע הָאט שׁוֹין גֶענוּג גֶעטַאנְצְן, אוּן גֶענוּג פֶּעטְשׁ גֶעכַאפְּט, יֶעצְט לָאמִיר נֶעמֶען דֶעם אַנְדֶערְן...! מִמֵּילָא אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער אִים גֶענוּמֶען, אוֹיף דֶעם אַרוֹיף הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא גֶעזָאגְט: זוּשָׁא בְּלַייבְּט זוּשָׁא! אוּן אַז מֶען אִיז גוֹזֵר אִין הִימְל אַז זוּשָׁא דַארְף לַיידְן, קֶען מֶען זִיךְ פוּן דֶעם נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע שְׁטֶענְדִיג גֶעכַאפְּט דִי פֶּעטְשׁ.

## ד.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי מוֹרָא'דִיגֶע מַעְלָה אַז מֶען לֵיינְט יֶעדֶע נַאכְט 'קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה' לוֹיטְן סֵדֶר פוּנֶעם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, אוּן מֶען זָאגְט דִי 'וִוידוּי', וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען שׁוֹין אַלֶעס מוֹחֵל פַארְן מֶענְטְשׁ אִינֶעם זֶעלְבְּן טָאג (עַיֵּין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה הֲלָכָה ב), ווַייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ יֶעדֶע נַאכְט גְלַייךְ מִתְוַודֶה אוֹיף אַלֶעם וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן יֶענֶעם טָאג, אוּן מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אוּן אַ סַךְ הַכֹּל וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן דֶעם טָאג[4], אוּן מֶען זָאגְט דָאס אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּם בַּיישְׁפִּיל: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין הַיינְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט! אוּן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! פַארְוָואס

---

[4] ווַייל וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן נֶעכְטְן אוּן אֵייעֶר נֶעכְטְן, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעוֶוענְטְלִיךְ לַאנְג פַארְגֶעסְן, אָבֶּער וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן הַיינְט דָאס גֶעדֶענְקְט מֶען נָאךְ, דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מא, ט): אֶת חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר 'הַיּוֹם' - וָואס אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעזִינְדִיגְט דָאס גֶעדֶענְק אִיךְ נָאךְ!

בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט? וֶועגְן דָאס און דָאס... וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן? זַיי מִיר מוֹחֵל...! און אַזוֹי מִשְׁפָּט עֶר זִיךְ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן טו), און עֶר זָאגְט דָאס אוֹיס דֶעם בַּאשֶׁעפֶער: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעטוּהְן דָאס און דָאס, זַיי מִיר מוֹחֵל אִיךְ וִויל דָאס נִישְׁט טוּהְן מֶער. וָואס אַזוֹי אַרוּם אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶעס גְלַייךְ מוֹחֵל, און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם דִין אוֹיף זִיךְ, און עֶר הָאט שׁוֹין פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא.

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת דַף ה' ע"א): אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, אִיז עֶר אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס הַאלְט אִין דִי הֶענְט אַ שְׁוֶוערְד וָואס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן. נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (שָׁם), אַז דוּרְךְ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה גֵייעֶן אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶע קְלִיפּוֹת און סִטְרָא אַחְרָא, און דִי אַלֶע מַזִיקִין וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ זַיינֶע עֲבֵירוֹת פּוּצְן זִיךְ אָפּ פוּן אִים; וֶועגְן דֶעם זֶעהְט מֶען עַל פִּי רוֹב אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר

שְׁטַארְק אַז פַארְן שְׁלָאפְן זָאל דֶער מֶענְטְשׁ אַרַיינְפַאלְן אִין אַ מוֹרָא׳דִיגֶע יִאוּשׁ און דִיפְּרֶעסְיֶע, בִּיז עֶר טְרַאכְט: הַלְוַואי גֵיי אִיךְ יֶעצְט שְׁלָאפְן און אִיךְ שְׁטֵיי מֶער נִישְׁט אוֹיף. און אַזוֹי לֵייגְט עֶר זִיךְ שְׁלָאפְן ווִי אַ טוֹיטֶער פֶּגֶר, אָן לֵיינֶען ׳קְרִיאַת שְׁמַע׳, און אַז אֵיינֶער הָאט נָאךְ אַ טְרָאפֶּעלֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, זָאגְט עֶר דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק פוּן ׳שְׁמַע יִשְׂרָאֵל׳ און ׳בָּרוּךְ שֵׁם׳, און עֶר שְׁלָאפְט גְלַייךְ אַיין.

אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל ווִיסְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, און אַז דוּרְכְדֶעם אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעם וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעטוּהְן אִין דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ״ל פַארְן שְׁלָאפְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, און עֶר וָואלְט גֶעהַאט אַ גוּט לֶעבְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ רַחְמָנוּת׳דִיגֶער טַאטֶע, און עֶר אִיז מוֹחֵל יֶעדְן אִיד וָואס אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה.

חַזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה ח, סִימָן ה): בִּשְׁעַת דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט הָאט עֶר זִיךְ פַארְדֶעם

דורְכְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דִי מַלְאָכִים, אִיז גֶעוֶוען פַארְשִׁידֶענֶע כִּיתּוֹת צְווִישְׁן זֵיי, דֶער מִדַּת הַדִין הָאט גֶע׳טַעְנָה׳ט (זֹהַר פָּרְשַׁת אַחֲרֵי דַף סט ע״ב): פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ בַּאשַׁאפְן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט דָאךְ זִינְדִיגְן פַאר דִיר! הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: אוּמְזִינְסְט הֵייס אִיךְ אַ ׳רַחוּם וְחַנּוּן׳? דָאס אִיז טַאקֶע מַיין גְרוֹיסְקֵייט, אַז כָאטְשִׁיג אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶער וִויבַּאלְד עֶר וִויל פַארְרֶעכְטְן אוּן עֶר בֶּעט מִיר אִיבֶּער, בִּין אִיךְ אִים מוֹחֵל.

דֶערְפַאר אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אוֹיף אַזַא וֶועג, אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס אִיבֶּער קוּמְט עֶר צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס פַארְוָואס דָאס אִיז אִים גֶעקוּמֶען: פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעהַאט אַזַא בִּזָיוֹן? פַארְוָואס הָאט מִיר מַיין וַוייבּ הַיינְט אַזוֹי דֶערְנִידֶערְט? מוּז דָאךְ זַיין אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג מִיט מִיר, אוּן אַזוֹי טוּט עֶר גְלַייךְ תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶעם, מִמֵּילָא וֶוערְט אִים תֵּיכֶף צוּרִיק אַלֶעס גוּט, אוּן עֶר הָאט אַ פֵיין לֶעבְּן, אָבֶער דִי טֶבַע

פוּן אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן אוּן עֶר מוּז גְלַייךְ צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ אַלֶע צָרוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז אִינֶעם קְלוֹיז פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אִין אוּמַאן, אִיז גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע וַוייבּ, אוּן זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אַז עֶר דַאוֶוענְט צְוִוישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט, וָואס מֶען הָאט דֶעמָאלְטְס גֶערוּפְן 'דִי טוֹיטֶע חֲסִידִים' [אוּן וִוי עֶס זֶעהְט אוֹיס הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט אַ וַוייבּ, אוּן עֶר פְלֶעגְט אִיר אַלְץ צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן...], אִיז זִי גֶעקוּמֶען מִיט אַ בֶּעזֶעם אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיים טִיר פוּן שׁוּהְל, אוּן וֶוער עֶס אִיז נָאר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען הָאט זִי בַּאשְׁרִיגְן אוּן גֶעשְׁטֶערְט פוּן אַרַיינְקוּמֶען דַאוֶוענֶען, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן [בִּפְרַט עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן] זָאלְן מֶער נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּהְל.

בִּיז אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ [גְּבַר אַלִּים], עֶר זֶעהְט וָואס דָא גֵייט פָאר, עֶס אִיז שׁוֹין כִּמְעַט מֶער נִישְׁט דָא קֵיין מִנְיָן, גֵייט עֶר צוּ אוּן הֵייבְּט אוֹיף אַ שְׁטֶעקְן, אוּן פוּן דֶעם הָאט זִי זִיךְ שׁוֹין דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אִיר פַּאטְרִיבְּן פוּן דָארְט אוּן מֶער הָאט מֶען נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן אִיר.

נָאכְדֶעם הָאט עֶר פָארְגֶעהַאלְטְן דֶעם אִינְגֶערְמַאן, אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״וֶועגְן דַיין בֵּיין מוּזְן מִיר אַלֶע לַיידְן״?! אוּן אוֹיף זַיין ווּאוּנְדֶער וָואס הֵייסְט דָאס ׳מַיין בֵּיין׳? הָאט עֶר אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: דַיין וַוייבּ אִיז דָאךְ דַיין בֵּיין, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּיי חַוָה (בְּרֵאשִׁית ב, כג): עֶצֶם מֵעֲצָמַי; מִמֵּילָא, טוּה תְּשׁוּבָה, וֶועט דַיין וַוייבּ - וָואס אִיז דַיין בֵּיין - אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן, אוּן עֶס וֶועט זַיין אַ גוּטֶע בֵּיין.

ה.

וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה וְכוּ׳ ׳זֶה הַדָּבָר׳ אֲשֶׁר צִוָּה ה׳ (בַּמִּדְבָּר ל, ב). זָאגְן חַזַ״ל (סִפְרֵי קנג, מוּבָא בְּרַשִׁ״י שָׁם): אַלֶע נְבִיאִים הָאבְּן גֶעזָאגְט נְבִיאוֹת מִיטְן לָשׁוֹן: כֹּה אָמַר ה׳ - בְּעֶרֶךְ אַזוֹי הָאט

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט. אָבֶער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט: זֶה הַדָּבָר - דָאס אִיז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט. אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ה), אַז אַנְדֶערֶע נְבִיאִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶעהְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא קְלָארְן שֵׁיין וָואס עֶס הֵייסְט 'אַסְפַּקְלַרְיָא הַמְּאִירָה', מִמֵּילָא הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי זִיכֶער אוּן אָפֶען, אָבֶער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶעהְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי אָפֶען אוּן קְלָאר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת לג, יא): **וְדִבֶּר ה' אֶל מֹשֶׁה פָּנִים אֶל פָּנִים כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ וְגוֹ'** - עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער 'פָּנִים אֶל פָּנִים'. דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט אַ זִיכֶערְקַייט: 'זֶה הַדָּבָר' - דָאס אִיז עֶס, "דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא אוּן אוֹיסֶער אִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא"!

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן צח, סְעִיף א), שְׁטֵייט אַ מוֹרָא'דִיגֶע לָשׁוֹן: דִי אַמָאלִיגֶע חֲסִידִים פְלֶעגְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אַ שָׁעָה פַארְן דַאוֶונֶען בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאנְט צוּ

נְבוּאָה וְכוּ׳. וָואס הֵייסְט נְבוּאָה? אַז אַ מֶענְטְש שְׁפִּירְט אַז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָא, בְּמֵילָא קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּ אִים יֶעדֶע זַאךְ, וָואס דוּרְכְדֶעם רוּהְט אוֹיף אִים אַן אַנְדֶערֶע סָארְט שֵׂכֶל אוּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט מֹחַ, עֶר זֶעהְט שׁוֹין אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין זַאכְן וָואס אַן אַנְדֶערֶער כַאפְּט דָאס נִישְׁט אוֹיף (וְעַיֵין עוֹד בְּשַׁעֲרֵי קְדוּשָׁה לְרַבֵּינוּ חַיִּים וויטַאל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה), אוּן עֶר קוּמְט צוּ אַזַא קְלָארֶע אוּן שְׁטַארְקֶע ׳אֱמוּנָה׳, אַז עֶר זֶעהְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער קְלָאר אוּן זִיכֶער: ׳זֶה הַדָּבָר׳ – דָאס אִיז עֶס.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵגָה וָואס אַ אִיד דַארְף קוּמֶען צוּ דֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס אִיז דִי מַדְרֵגָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וִויל אִין אוּנְז אַרַיינְבְּרֶענְגֶען, אַז אַ מֶענְטְש זָאל זַיין אַזוֹי נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶּער בִּיז עֶר קֶען שׁוֹין צוּ אִים רֶעדְן, אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶערְפַאר רוּפְן חֲזַ״ל אָן אַ תַּלְמִיד חָכָם מִיטְן נָאמֶען ׳מֹשֶׁה׳ (שַׁבָּת קא ע״ב), אַזוֹי אוֹיךְ שְׁטֵייט אִין זֹהַר (מִשְׁפָּטִים דַף

קכ ע״א), אוֹיפְן פָּסוּק (קֹהֶלֶת א, ט): **מַ׳ה שֶׁ׳הָיָה ה׳וּא שֶׁ׳יִּהְיֶה** - וָואס אִיז גֶעוֶוען וֶועט וַוייטֶער זַיין; אַז דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ׳מֹשֶׁה׳; וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּנוּ וֶועט נָאכְאַמָאל אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט (עַיֵּין זֹהַר בְּרֵאשִׁית דַף כה ע״ב).

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (בְּשֵׁם מְקוּבָּלִים), אַז אַקֶעגְן דִי פִּיר מָאל וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה אַז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט, הָאט עֶר גֶעמוּזְט אַרָאפְּקוּמֶען נָאכְאַמָאל פִּיר מָאל אוֹיף דִי וֶועלְט; וָואס דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי פִּיר הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת פוּן **רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ, בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ**, אוּן **״דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב״**, וָואס עֶר אִיז שׁוֹין דִי תִּיקוּן פוּן **מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ**, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן רסו, וְעַיֵּין בְּהַשְׁמָטוֹת): ״אַלֶעס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט גוּט מַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער קֶען אִיךְ שׁוֹין טוּהְן״, נָאר וָואס דֶען אִיז דִי חִילוּק צְוִוישְׁן מִיר אִין מָשִׁיחַ? אַז וֶוען אִיךְ זָאג עֶס, אִיז נָאךְ דָא אַ בְּחִירָה, אָבֶער וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה.

דָאס הֵייסְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז שׂוֹין יֶעצְט מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה צוּ שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב): פַארְוָואס אִיז זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט מִתְבּוֹדֵד אוּן עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, "אוֹיב זָאל עֶר וֶוען וְויסְן מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, וָואלְט עֶר דָאךְ שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּ אִים מִיט אַ מוֹרָא'דִיגְן בְּרֶען אוּן חַיוּת", אוּן פַארְוָואס שְׁפִּירְט דָאס נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ? וַוייל עֶס קוּמְט אַרַיין אִין אִים כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת! [פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס (שָׁם), אַז דִי עֵצָה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע קַשְׁיוֹת אוּן פַארְקְרוּמְטְקֵייט וָואס פַארְדְרֵייט דִי הַארְץ מִיט כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט שֻׁלְחָן עָרוּךְ].

זֶעהְט מֶען דָאךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ווִיל אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּ אַזָא מַדְרֵגָה, אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ׳פָּנִים אֶל פָּנִים׳, אוּן דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן פג), הֵייסְט עֶר ׳מָשִׁיחַ׳, וָואס דָאס אִיז דֶער לָשׁוֹן פוּן ׳מֵשִׂיחַ אִלְּמִים׳ – עֶר מַאכְט רֶעדְן אַלֶע שְׁטִימֶע. ווַייל ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אֲפִילוּ עֶר רֶעדְט אוּן פְּלַאפֶּעלְט אַגַאנְצְן טָאג אַנְדֶערֶע זַאכְן, דָאךְ אִיז עֶר אַזוֹי ווִי שְׁטִים, אָבֶער אֵיינְמָאל אַז עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אָדֶער פוּן בַּאשֶׁעפֶער דָאס הֵייסְט גֶערֶעדְט; וֶועגְן דֶעם דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּן מָשִׁיחַ צוּ מַאכְן יֶעדְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס זֶעהְט מֶען שׁוֹין הַיינְט אָפֶען אוּן קְלָאר, אוּן וָואס אַ טָאג נֶענְטֶער עֶס וֶוערְט צוּ בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ, זֶעהְט מֶען עֶס, אוּן מֶען שְׁפִּירְט עֶס, אַלְץ מֶער אוּן מֶער, מַמָּשׁ בְּחוּשׁ.

צוּם בַּיישְׁפִּיל, אַמָאל אַז מֶען זָאל זֶעהְן אֵיינֶעם גֵיין אוֹיפְן גַאס אוּן רֶעדְן, הָאט מֶען גְלַייךְ גֶעזָאגְט: עֶר אִיז אַ מְשׁוּגָע׳נֶער, עֶר רֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיין! הַיינְט אָבֶער, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין אַזוֹי גֶעפִירְט, אַז וֶוען מֶען זֶעהְט אֵיינֶעם גֵיין אִין גַאס רֶעדֶענְדִיג, אִיז עֶס זֵייעֶר נַאטוּרְלִיךְ אוּן נָארְמַאל: עֶר רֶעדְט מִן הַסְתָּם אוֹיפְן סֶעלְפָאוֹן מִיטְן שְׁטִיקְל אוֹיפְן אוֹיעֶר [בְּלוּ-טוּט]. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז וָואס עֶס הָאט אַמָאל גֶעהֵייסְן מְשׁוּגָע הֵייסְט הַיינְט נָארְמַאל, אוֹיבּ אַזוֹי, מַה-דָאךְ אַז מֶען קֶען גֵיין אוֹיפְן גַאס אוּן רֶעדְן בִּיז דָרוֹם אַמֶערִיקֶע, דָרוֹם אַפְרִיקֶע, אוּן אֲפִילוּ בִּיז אָסְטְרַאלְיֶע, אִיז דָאךְ אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אַז מֶען קֶען גֵיין אוֹיפְן גַאס אוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט, אוּן דִי תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען, נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז נִישְׁט בַּאהַאלְטְן עֶרְגֶעץ וַוייט וַוייט אוֹיבְן וְכוּ׳, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ ׳מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ׳, עֶר אִיז אִיבֶּערָאל דָא, עֶר אִיז מִיט אוּנְז דָא אוּנְטְן מַמָשׁ, פַארְוָואס שְׁטוּפְּסְטוּ אִים אַרוֹיף?!

דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן שָׁם): בַּיי מִיר אִיז נָאךְ דָא אַ בְּחִירָה, אָבֶער בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה! וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט אַריינְבְּרֶענְגֶען אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, אַז מֶען וֶועט שׁוֹין זֶעהְן אַזוֹי אָפֶען און קְלָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה יא, ט): כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה'; יֶעדֶער וֶועט ווִיסְן און שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, און עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט, מִמֵּילָא וֶועט מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט נָאכְלָאזְן פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר יֶעדֶער וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ לְהַבְדִּיל דִי גוֹיִם וֶועט מָשִׁיחַ מַאכְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'; אַלֶע גוֹיִם וֶועלְן שׁוֹין אַוֶועקְוַוארְפְן זֵייעֶר נַארִישֶׁע עֲבוֹדָה זָרָה, דִי צֶלֶם ווִי אַזוֹי 'יָאשְׁקֶע' הֶענְגְט וְכוּ', און אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶס וֶועט זַיין אַזַא 'גִילוּי אֱלֹקוּת' אַז יֶעדֶער וֶועט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און דָאס ווִיל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין אוּנְז שׁוֹין יֶעצְט אַריינְבְּרֶענְגֶען.

דֶערפַאר וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל און עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוערְט אִים דִי בְּלוּט אוֹיסְגֶעצֵיינִיגְט, און עֶר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי שְׁכִינָה דָא אוּנְטְן מִיט אִים אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס קֵיין בֶּעסֶערֶע הֲנָאָה און תַּעֲנוּג פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען, אָפְּגֶערֶעדְט אַז וֶוען מֶען אִיז שְׁטַארְק אִין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט קֵיין סֶעקֵייעֶטְרִיסְט, מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם אוֹיסְרֶעדְן דִי אַלֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת און וֵוייטָאגְן וָואס לִיגְן אָנְגֶעלֵייגְט וִוי אַ שְׁטֵיין אוֹיפְן הַארְץ[5], נָאר מֶען זֶעצְט

[5] הַיינְט אִיז דֶערְפוּן גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס, וְויבַאלְד מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן דוּרְךְ אַזוֹיפִיל בִּיטֶערֶע צָרוֹת, בִּיז מֶען שְׁפִּירְט אַז מֶען קֶען עֶס נִישְׁט מֶער דוּרְכְטְרָאגְן, און מֶען מוּז דָאס אוֹיסְרֶעדְן און מִיטְטֵיילְן פַאר אֵיינֶעם, בְּלֵית בְּרֵירָה פּוֹעֵ'לְט מֶען שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ בַּיי זִיךְ צוּ מַאכְן אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט בַּיים אוֹיסְרֶעדֶער [סֶעקֵייעֶטְרִיסְט], און זֵיי זֶענֶען גוּט גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן פַּרְנָסָה דֶערְפוּן [אַזוֹי וִוי בַּיי יֶעדֶע פַאךְ], קוֹדֶם גֶעבְּן זֵיי דִיר נִישְׁט קַיין אַפּוֹינְטְמֶענְט גְלַייךְ אוֹיף הַיינְט, נָאר אוֹיף מָארְגְן אָדֶער אִיבֶּערְמָארְגְן, און דֶעמָאלְטְס אוֹיךְ נִישְׁט מֶער וִוי אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה אָדֶער אַ דְרֵיי פֶערְטְל שָׁעָה אוֹיפְן זֵייגֶער, אַזוֹי אַז נָאכְדֶעם וָואס יֶענֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף דִי בּוּשׁוֹת און אִיז גֶעקוּמֶען, און עֶר עֶפֶענְט זִיךְ שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אוֹיף אַבִּיסְל זַיין הַארְץ, קְלִינְגְט שׁוֹין דִי זֵייגֶער... דִי אַפּוֹינְטְמֶענְט אִיז פֶערְטִיג... און דָאס קָאסְט אִים שׁוֹין אַ פֶעטְן פְּרַייז פוּן אַ שֵׁיינֶע פָּאר הוּנְדֶערְט דָאלֶער, און וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיס צוּם סֶעקְרֶעטֶערִי, און עֶר בֶּעט זִיךְ: אִיךְ הָאב

## זִיךְ אַוֶועק און מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דִי גַאנְצֶע הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין! "דָאס אִיז דָאךְ דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה

---

מִיךְ עֶנְדְלִיךְ גֶעעֶפֶענְט, אֶפְשֶׁר קֶען מֶען פַארְלֶענְגֶערְן מַיין אַפּוֹינְטְמֶענְט?! זָאגְט דִי סֶעקְרֶעטֶערִי: ר' יוּד, אַנְטְשׁוּלְדִיגְט! אָבֶער אַן אַנְדֶערֶער קְלִיֶענְט דַארְף שׁוֹין קוּמֶען יֶעצְט... צְוֵויי וָואכְן אַרוּם קֶענְסְטוּ הָאבְּן נָאךְ אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט. און וֶוען עֶר עַקְשֶׁנְ'ט זִיךְ גֶעפֶערְלִיךְ אַיין, און עֶר בֶּעט זִיךְ מִיט רַחְמָנוּת: אֶפְשֶׁר דָאךְ קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ פְּרִיעֶרְדִיגֶע אַפּוֹינְטְמֶענְט? אִיךְ הַאלְט דָאךְ עֶס נִישְׁט אוֹיס! זָאגְט עֶר אִים: וֵוייסְטוּ וָואס, קְלִינְג מִיר אַרַיין מָארְגְן, טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער אָפְּזָאגְן זַיין אַפּוֹינְטְמֶענְט וֶועל אִיךְ דִיר אַרַיינְשְׁטוּפְּן... דָאס אִיז אַ גַאנְצֶע חָכְמָה און שְׁפִּיל וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּנַארְן דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן גוּט און אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי גֶעלְט גְרִינְגֶער: עֶר טוּט דָאךְ מִיר אַ גַאנְצֶע חֶסֶד, און נֶעמְט מִיךְ אָן פְּרִיעֶר...!

עֶס אִיז דָא אַנְדֶערֶע וָואס שְׁרַייבְּן אַרָאפּ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט, דֶער מֶענְטְשׁ פִּילְט זִיךְ גוּט: עֶר שְׁרַייבְּט פּוּנְקְטְלִיךְ אַרָאפּ אַלֶע מַיינֶע צָרוֹת און פְּרָאבְּלֶעמֶען! אֵיינְמָאל יֶענֶער גֵייט אַרוֹיס פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶר וַוארְפְט דָאס גְלַייךְ אִין גַארְבִּידְזְשׁ. צוּם הֵיילִיגְן פָּאפָּא'עֶר רָבּ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן - וֶוען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט שְׁטֶענְדִיג קַיין גַבַּאי - אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ פְּרוֹי, זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט און זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיסְגִיסְן אִיר הַארְץ, קוֹדֶם הָאט עֶר זִי אַבִּיסְל אוֹיסְגֶערֶעדְט, אָבֶער אַזוֹי וִוי אַ אִידֶענֶע הָאט דָאךְ נַיין מָאס רֵייד, הָאט זִי נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעדְן און פַארְצֵיילְן אִירֶע צָרוֹת, און וִוִיבַּאלְד זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר אַלְץ גֶעזִיצְן און גֶעלֶערֶענְט און גֶעשְׁרִיבְּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, הָאט עֶר יֶעצְט אוֹיךְ צוּרִיק אָנְגֶעפַאנְגְן וַוייטֶער צוּ שְׁרַייבְּן זַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, און זִי רֶעדְט וַוייטֶער. נָאכְדֶעם הֵייבְּט זִי זִיךְ אוֹיף און רוּפְט זִיךְ אָן: אִיךְ זֶעה אַז דֶער רֶבִּי בַּאמִיהְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט, וֶועל אִיךְ שׁוֹין דֶעם רֶבִּי'ן מְנוּחָה לָאזְן, און נִישְׁט בַּאמוּטְשֶׁען מֶער.

וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן", וואוֹיל אִיז אוּנְז אוּן וואוֹיל אִיז אוּנְזֶער חֵלֶק... !

ו.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ה): דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט, אִיז אוֹיךְ דָא בַּיי דֶעם צְוֵויי מַדְרֵיגוֹת, עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס טוּט אַ מִצְוָה פַאר דִי שְׂכַר וָואס עֶר גֵייט בַּאקוּמֶען דֶערְפַאר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט דִי שְׁלֵימוּת פוּן אַ מִצְוָה, אַזוֹי וִוי דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק א, ג): **אַל תִּהְיוּ כַּעֲבָדִים הַמְשַׁמְּשִׁין אֶת הָרַב עַל מְנַת לְקַבֵּל פְּרַס** - זַיי נִישְׁט וִוי אַ קְנֶעכְט וָואס בַּאדִינְט זַיין הַאר נָאר צוּ וֶוערְן בַּאצָאלְט דֶערְפַאר. וָואס דֶעמָאלְטְס פְרֵיידְט מֶען זִיךְ נָאכְנִישְׁט עֶכְט אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט דִי מִצְווֹת וָואס מֶען טוּט, כָאטְשִׁיג אַז מֶען פְרֶעגְט אֵיינֶעם: בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד? וֶועט עֶר אַוַודַאי עֶנְטְפֶערְן: יָא! דָאךְ אִיז נָאךְ דִי שִׂמְחָה נִישְׁט אַזוֹי קְלָאר אוּן זִיכֶער בַּיי אִים, עֶס שַׁיינְט אִים

נאכנישט די ליכטיגקייט פון די מצוות מיט אזא קלארן שיין, אז ער זאל זיין אויסטערליש פרייליך אז ער טוט א מצוה, דערפאר דרייט ער זיך נאך ארום צובראכן... איי פארוואס ביסטו אזוי צובראכן? דו גייסט דאך מיט ציצית! תפלין האסטו דאך אנגעטוהן! א מזוזה האסטו! חמץ האסטו דאך נישט געגעסן פסח! אבער ער זעהט נישט און ער פילט נאכנישט די שמחה דערפון.

די העכסטע מדרגה איז, ווען א מענטש שפירט שוין דעם אייבערשטן מיט אזא קלארקייט, אז ער קוקט שוין נישט ארויס אויף די שכר וואס מען וועט אים באצאלן דערפאר אויף יענע וועלט, פארקערט, די גרעסטע שכר וואס מען קען אים באצאלן פאר א מצוה איז, אז ער זאל קענען נאכאמאל טוהן די מצוה! "איך וויל זוכה זיין צו קענען אויפשטיין מארגן און לייגן נאכאמאל תפלין!" אזוי ווי די גמרא זאגט (ברכות דף ל ע"ב): מען האט געפרעגט אן אמורא: פארוואס פרייסטו זיך אזוי שטארק? האט ער געענטפערט: אנא תפילין מנחנא – איך האב היינט געלייגט

תְּפִלִין ! דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אִיז מִיר דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה אַז אִיךְ גֵיי מִיט צִיצִית, פָּשׁוּט וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל גֵיין מִיט צִיצִית[6], אוּן אִיךְ דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט מֶער שְׂכַר פוּן דֶעם... ! וָואס דָאס וַוייזְט אַז מֶען שְׁפִּירְט וָואס הֵייסְט אַ מִצְוָה.

[6] דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אַז דִי צִיצִית זָאלְן זַיין רֵיין, "עֶס אִיז דָאךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס מִצְוָה", אוּן עֶס אִיז כְּדַאי צוּ הָאבְּן עֶטְלִיכֶע פאר צִיצִית, אַז אוֹיבּ אֵיינְס וֶוערְט שְׁמוּצִיג זָאל מֶען הָאבְּן גְרֵייט אַ אַנְדֶערֶע, אוּן דָאס קֶענֶען אוֹיסְוַואשְׁן אוּן אוֹיסְרֵיינִיגְן, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ גֵיין מִיט דִי צִיצִית אוֹיף דִי הֶעמְד דַוְקָא, אַדְרַבָּא, אַזוֹי קֶען מֶען קוּקְן אוֹיף דִי צִיצִית אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן מְקַיֵים זַיין דֶעם פָּסוּק פוּן וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ (בַּמִדְבָּר טו, לט), אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס וָואס דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַכַּוָונוֹת עִנְיָן הַצִּיצִית, דְרוּשׁ ו) : מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט דִי צִיצִית אוֹיף דִי וֶועשׁ. מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל עֶס נִישְׁט אָנְטוּהן אוֹיפְן רֶעקְל ; וֶוען מֶען זֶעהט אֵיינֶעם גֵיין מִיט דִי צִיצִית אוֹיפְן רֶעקְל וֵוייסְט מֶען שׁוֹין גְלַייךְ אַז עֶר אִיז אַ 'בַּעַל תְּשׁוּבָה' וָואס עֶר קוּמְט בֶּעטְן נְדָבוֹת, עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעכַאפְּט אַ הוּט וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אוֹיף אַ הֶענְגֶער, אוּן אָנְגֶעטוּהְן אַ טַלִית קָטָן אוֹיפְן רֶעקְל... אוּן אוֹיבּ בִּיסְטוּ בַּאזָארְגְט אַז דֶער טַלִית קָטָן זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג, קֶענְסְטוּ קוֹיפְן אַ וֶועסְטְל אוּן דָאס אָנְטוּהן אוֹיפְן צִיצִית, [מֶען זֶעהְט הַיינְט אַז אֲפִילוּ דִי וָואס טְרָאגְן דִי צִיצִית אוּנְטֶערְן הֶעמְד, שְׁטֶעקְן זֵיי כָּאטְשׁ אַרוֹיס פוּן אוּנְטְן דִי צִיצִית].

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א): **כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו** - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה ׳בְּשִׂמְחָה׳, וֵוייסְט מֶען אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן זַיין הַארְץ אִיז גַאנְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאגְט אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן י): פַארְוָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ וַוייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער? וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין ׳יִשּׁוּב הַדַּעַת׳! פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת? וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט ׳פְרֵיילִיךְ׳! פַארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט אִין זִיךְ דִי ׳נְקוּדוֹת טוֹבוֹת׳.

פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס, אֲפִילוּ אוֹיבּ אִין דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת קוּמְט אוֹיךְ דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם דִיר צוּבְּרֶעכְן: דוּ טוּסְט דָאךְ דָאס נִישְׁט מִיט קַיין שְׁלֵימוּת, אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין! וָואס אִיז שׁוֹין וֶוערְד דַיין תְּפִלִּין, דוּ הָאסְט דָאךְ גֶערֶעדְט מִיט דִי תְּפִלִּין וְכוּ׳? דָאךְ אָבֶער מִיט אֵיין זַאךְ קֶען מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַיֶה זַיין: ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי׳ - וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, ״אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט״! דָאס קֶען שׁוֹין

נִישְׁט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם בְּשׁוּם אוֹפָן מְבַטֵל זַיין, וַוייל דָאס וֶוענְדְט זִיךְ גָארְנִישְׁט אִין מִיר, אוּן מִיט וָואס אִיךְ טוּה, דָאס אִיז נָאר אַ חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְץ אִיד[7], אוּן מִיט דֶעם דַארְף זִיךְ אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג פְרֵייעֶן "בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אַ אִיד", אוּן דָאס וַוייזְט אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דַאוֶועןנֶען פַארְן עָמוּד, אֵיינְמָאל וֶוען עֶר הָאט פָארְגֶעזָאגְט דִי בִּרְכוֹת הַשָּׁחַר, הָאט עֶר פַארְפֶעלְט דִי בְּרָכָה פוּן 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי', הָאט אֵיינֶער פוּן דִי אַלְטֶע אִידְן

[7] וָואס וָואלְסְטוּ וֶוען גֶעטוּהְן וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוֶוען אַ כִינֶעזֶער, אוּן אֵיין אוֹיג וָואלְט גֶעקוּקְט דָא אוּן אֵיין אוֹיג דָארְט, אוּן גֶערֶעדְט טְשִׁינְג טְשָׁאנְג... אוּן גֶעגֶעסְן סוּשִׁי וָואס זֵיי עֶסְן... [עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי מִיר אַן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶער מְשׁוּלָח, הָאט עֶר מִיר פַארְצֵיילְט, אַז אַ כִינֶעזֶער גוֹי הָאט אַרַיינְגֶעזֶעצְט מִיט זַיין קַאר אִין אִים, אוּן מִיט גְרוֹיסֶע נִיסִים אִיז עֶר בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַרוֹיס אַ לֶעבֶּעדִיגֶער, נָאכְדֶעם וֶוען דִי פָּאלִיס אִיז גֶעקוּמֶען הָאט עֶר זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען: אַ כִינֶעזֶער קוּקְט מִיט אֵיין אוֹיג דָא אוּן מִיט אֵיין אוֹיג דָארְט, נָאר אִין פָארְנְט קוּקְט עֶר נִישְׁט, מִמֵּילָא הָאט עֶר אַוַודַאי אַרַיינְגֶעזֶעצְט! זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר צוּלַאכְט אוּן אִים אָפְּגֶעלָאזְט.]

דָארְט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ רוּף אָן: רֶבִּי, אִיר הָאט פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן דִי בְּרָכָה שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי! זָאגְט עֶר: אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי בְּרָכָה, נָאר הַיינְט צוּפְרִי וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, הָאט זִיךְ דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְלֵייגְט אוֹיף מִיר, אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעוָואלְט אִינְגַאנְצְן צוּבְּרֶעכְן אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען... דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט דִי בְּרָכָה, אוּן זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען אַז אִיךְ בִּין פָארְט אַ אִיד, אוּן מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ אִים בַּאזִיגְט (פְּרִי צַדִיק עַל חַג שְׁבוּעוֹת, אוֹת י״ג).

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַארְצֵיילְט מֶען אוֹיךְ אוֹיפְן גְרוֹיסְן צַדִיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס וִוי בַּאקַאנְט הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, הָאט עֶר אַמָאל גֶעזָאגְט: וֶוען אִיךְ זָאג צוּפְרִי דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי', הָאבּ אִיךְ שׁוֹין מִיט דֶעם אָפְּגֶענוּמֶען מַיין הִתְחַזְקוּת אוֹיפְן גַאנְצְן טָאג! וַוייל עֶר הָאט צוּגֶעזֶעהְן מִיט זַיינֶע אוֹיגְן דִי מוֹרָא'דִיגֶע אַכְזָרִיוּת פוּן דִי גוֹיִם אַקֶעגְן

דִי אִידְן; מִמֵּילָא מֶעגְן מִיר זִיךְ אַוַודַאי אוֹיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם.

חֲזַ״ל זָאגְן (מְנָחוֹת מ״ג ע״ב): וֶוער עֶס טוּט אָן תְּפִילִין, עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, אוּן עֶר הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיפְן טִיר, קֶען עֶר זַיין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט נִישְׁט זִינְדִיגְן. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְּרַאגֶע: אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט דָאךְ אַז עֶר הָאט הַיינְט גֶעלֵייגְט תְּפִלִין, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט צִיצִית, אוּן עֶר הָאט אַ מְזוּזָה בַּיים טִיר, אוּן דָאךְ זִינְדִיגְט עֶר, עֶר קוּקְט רַחֲמָנָא לִצְלָן אַלֶע שְׁמוּץ, אוּן עֶר רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה?! דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ קֶען מֶען אוֹיךְ פְרֶעגְן אוֹיף דֶעם וָואס דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵין בֵּאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִים רֵישׁ סִימָן תמ״ז): וֶוער עֶס גֶעט זִיךְ אַכְטוּנְג אִין פֶּסַח פוּן אַ 'מַשֶׁהוּ חָמֵץ', וֶועט נִישְׁט זִינְדִיגְן אַגַאנְץ יָאר. לִכְאוֹרָה יֶעדֶער אִיד אִיז דָאךְ מוֹרָא'דִיג נִזְהָר אֲפִילוּ פוּן אַ בְּרֶעקְל חָמֵץ [אוּן צוּ דֶעם הָאט נָאךְ יֶעדֶער אִיד אוֹיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן אוּר עֶלְטֶערְן פַארְשִׁידֶענֶע מָסוֹרֶת מִיט אַזוֹיפִיל זְהִירוּת אוּם פֶּסַח...] דָאךְ בְּרֶענְט אִין אִים דֶער יֵצֶר הָרַע, אוּן עֶר פַאלְט דוּרְךְ מִיט גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת?!

נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַז עֶס פֶּעלְט דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מִצְוָה! אָבֶּער וֶוען אַ אִיד זָאל זִיךְ מוֹרָא׳דִיג פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר הָאט, וָואלְט עֶר טַאקֶע נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קסט): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אָפְּהִיטְן פוּן ׳פְּגַם הַבְּרִית׳, וָואס דָאס קוּמְט נָאר פוּן עַצְבוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: וִוי אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַאלֶעכֶע גִילוּיִם עֶס זָאל אִים זַיין אָפֶּען אַלֶע עוֹלָמוֹת וְכוּ׳?! הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַ מִצְוָה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, אַז דִי שִׂמְחָה פוּן אֵיינֶעם וָואס זָאל יֶעצְט גֶעוִוינֶען דִי מֶערְסְטֶע גֶעלְט וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ, קוּמְט נִישְׁט צוּ, צוּ דִי שִׂמְחָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיי מְקַיֵים זַיין אַ מִצְוָה, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת (סֵפֶר חֲרֵדִים בַּהַקְדָּמָה).

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִצְוֹת הָאט יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער יְרוּשַׁלְמִי בְּרֶענְגְט (סוֹף בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט, הֲלָכָה ה): רֶבִּי מֵאִיר זָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט הוּנְדֶערְט מִצְוֹת יֶעדְן טָאג", נָאר פוּן דִי אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס עֶר זָאגְט, וָואס יֶעדֶע בְּרָכָה אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע מִצְוָה...! אוּן מִיט דִי אַלֶע מִצְוֹת קֶענֶען מִיר זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק פְּרֵייעֶן, אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ דֶערְמִיט זֵייעֶר פְּרֵייעֶן.

נָאר וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם? צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ. עֶר זָאגְט אִים: וֶוער דַארְף דֶען דַיינֶע מִצְוֹת?! דוּ בִּיסְט שׁוֹין סֵיְיוִוי גָארְנִישְׁט וֶוערְד! פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט וֶוערְן...! אַזוֹי כַאפְּט עֶר נֶעבֶּעךְ יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַרַיין אִין יֵאוּשׁ אוּן צוּבְּרָאכֶענְקֵייט, בִּשְׁעַת וָואס קוּקְסְטוּ בִּכְלַל אוֹיף דִי טָמֵא'נֶע וֶוערְטֶער וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט דִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט, אַז דוּ בִּיזְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד?! "בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיסְטוּ דָאךְ אַזוֹי שְׁטַארְק חָשׁוּב, אוּן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס דוּ טוּסְט - וִוי אַזוֹי עֶס זָאל נָאר זַיין - אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה בַּיים

בַּאשֶׁעפֶער״! וֶועגְן דֶעם וֶוען אַ אִיד הֵייבְּט אָן זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר הָאט, קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ.

ז.

**צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים וְגוֹ׳** (בַּמִּדְבָּר כה, יז); דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל פַּיינְט הָאבְּן דִי מִדְיָנִים, אוּן זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין זֵיי (שָׁם לא, ב), וַוייל זֵיי הָאבְּן מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער דוּרְךְ דִי טָמֵא׳נֶע עֵצָה וָואס בִּלְעָם הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְּלָן, צוּ מַאכְן דִי אִידְן זִינְדִיגְן מִיט דִי עֲבוֹדָה זָרָה **׳פְּעוֹר׳** (שָׁם כה, יח).

מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַ ׳נִצְחִיּוּת׳ וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג נוֹגֵעַ, אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם סְתַּם אַ מַעֲשֶׂה בִּיכְל וָואס פַארְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת וָואס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען (זֹהַר הַקָּדוֹשׁ בְּהַעֲלוֹתְךָ דַף קנב ע״א), אוּן וִוי אִיז הַיינְט דָא דֶער פְּעוֹר? ״נָאר דִי כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס הֵייסְט ׳אִינְטֶערְנֶעט׳ - וואוּ מֶען קֶען זֶעהְן אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע אַלֶע גֶעמֵיינְסְטֶע אוּן עֶקֶעלְדִיגְסְטֶע פֶעלְקֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט אַלֶע זֵייעֶר שְׁמוּץ - דָאס

אִיז הַיינְט דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר״! וָואס מֶען הָאט דָאס אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרָאגְן מִיט זִיךְ אִין טַאשׁ, אוּן דָאס גֶעקוּשְׁט, אוּן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען לְצָרְכָיו אַקֶעגְן דֶעם וְכוּ׳; וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן מִיר דָאס נָאכְגֶעמַאכְט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין, אָבֶער הַיינְט פַארְשְׁטֵייט מֶען דָאס שׁוֹין זֵייעֶר גוּט.

וֶועגְן דֶעם וֶוען מֶען הָאט נְקָמָה גֶענוּמֶען אִין מִדְיָן, הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ פָארְגֶעהַאלְטְן דִי גֶענֶעַראלְן, פַארְוָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלָאזְט לֶעבְּן דִי פְרוֹיעֶן, זֵיי הָאבְּן דָאךְ מַכְשִׁיל גֶעוֶוען דִי אִידְן דוּרְכְן פְּעוֹר, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעזָאגְט דִי אִידְן אַז מֶען זָאל אוֹיךְ אוֹיס׳הַרְגֶ׳עֶנֶען אַלֶע זֵייעֶרֶע פְרוֹיעֶן (בַּמִּדְבָּר לא, יד–יח), זָאגְט דָארְט רַשִׁ״י (מֵחֲזַ״ל סַנְהֶדְרִין ק״ו ע״א; סִפְרֵי מג), אוֹיפְן פָּסוּק: הֵן הֵנָּה (שָׁם שָׁם, טז), אַז יֶעדֶער הָאט דֶערְקֶענְט: אוֹי גֶעוַואלְד, מִיט דִי דָאזִיגֶע בִּין אִיךְ דָאךְ נִכְשָׁל גֶעוָוארְן. אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶע׳הַרְגֶ׳עט אִיז מֶען פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן דִי מוֹרָא׳דִיגֶע קְלִיפָּה. דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן, כָאטְשִׁיג עֶס אִיז טַאקֶע אַ מוֹרָא׳דִיגֶע תַּאֲוָוה

דָאס צוּ קוּקְן, עֶס צִיהְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, אָבֶער עֶס צִיהְט דִיךְ אִין דֶער עֶרְד אַרַיין רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז מֶען לֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף אֵייבִּיג, עֶס קוּמְט אַמָאל דִי צַייט, וָואס קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען, אוּן מֶען גֶעזֶעגֶענְט זִיךְ פוּן דִי וֶועלְט[8].

[8] אַוַודַאי אִיז נִישְׁט דֶער תַּכְלִית צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן אָדֶער צוּבְּרֶעכְן מֶענְטְשְׁן, פַארְקֶערְט מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט, אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר לֶעבְּן נָאךְ אוּן מִיר קֶענֶען נָאךְ אַלֶעס אַזוֹי גְרִינְג פַארֶעכְטְן; אַזוֹי וִוי עֶס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ קוּמְט אַרַיין אֵיין צוּפְרִי אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, צוּ דַאוֶונֶען וָותִיקִין, אוּן עֶס הָאבְּן דָארְט גֶעדַאוֶונְט אַסַאךְ אַלְטֶע אִידְן [וָואס שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אוֹיף גָאר פַארְטָאגְס, וִוי גֶעוֶוענְטְלִיךְ בַּיי אַ וָותִיקִין מִנְיָן], זֶעהְט עֶר וִוי זֵיי זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט נַייעֶס, אוּן זֵיי שׁוּשְׁקֶענְן צְוִוישְׁן זִיךְ, אַז דֶער אִיד ר׳ אַבְרָהָם... וָואס פְלֶעגְט זִיצְן דָא בַּיי דֶעם פְּלַאץ אִיז נֶעבֶּעךְ אַוֶועק. רוּפְט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אָן צוּ זֵיי: אִיךְ הָאבּ גְרֶעסֶערֶע נַייעֶס פוּן דֶעם... מִיר אַלֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם יָא אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען... !

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז מִיט דֶעם מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת פֶּסַח, הֲלָכָה ט, אוֹת יח), דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין חַזַ״ל (בְּרָכוֹת דַף לא ע״א): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה, אוּן מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן: ״וַוי לָן דְמִיתְנָן״ - גֶעוַואלְד מִיר גֵייעֶן שְׁטַארְבְּן! וַוייל דָאס דַארְף בְּרֶענְגֶען פַאר אַ מֶענְטְשׁ דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה. אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: וֶועלְטֶעלֶע וֶועלְטֶעלֶע וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז נִישְׁט אִין דִיר! אוּן וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אֲפִילוּ עֶר אִיז יָא אִין דִיר, דָאךְ אִיז עֶר נִישְׁט אִין דִיר. דָאס

מֶען דַארְף וויסְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם מִיט 'פְּגַם הַבְּרִית' הָאט עֶר נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, וַוייל דֶער חֵטְא בְּרֶענְגְט צוּ אָרֶעמְקֵייט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פִּנְחָס, דַף רמד): וֶוער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט וֶועט אִים דִי אָרֶעמְקֵייט נָאכְיָאגְן[9], אוּן דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ פִּירְט אוֹיס (שָׁם בְּרַעְיָא מְהֵימְנָא), אַז וֶוער עֶס וַוארְפְט אַוֶועק בְּרֶעקְלֶעךְ [זֶרַע] פוּנֶעם מֹחַ, וֶועט אִים אַוַודַאי דָאס אָרֶעמְקֵייט נָאכְיָאגְן.

אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דָאס אִים אַז עֶר זָאל זַיין אוֹיפְגֶערֶעגְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן

---

הֵייסְט אֲפִילוּ אִיךְ בִּין טַאקֶע אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאךְ אָבֶער פַארְגֶעס אִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיךְ דַאוֶוען אוּן אִיךְ לֶערְן וִויפִיל אִיךְ קֶען.

[9] דִי גְמָרָא פַארְצֵיילְט (חוּלִין קה ע"ב): אֵיינֶער הָאט גֶעגֶעסְן בְּרוֹיט אוֹיף דִי גְרָאז, הָאט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט: יֶעצְט וֶועל אִיךְ אִים קֶענֶען כַאפְּן אוּן מַאכְן אָרֶעם, עֶר וֶועט זִיךְ אַוַודַאי אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן טְרֶעטְן אוֹיף דִי בְּרֶעקְלֶעךְ. דֶער אִיד אִיז אָבֶער גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ, אוּן וֶוען עֶר הָאט אָפְּגֶעגֶעסְן אוּן גֶעבֶּענְטְשׁ, הָאט עֶר אוֹיסְגֶערִיסְן דִי גְרָאז דָארְט וואוּ עֶר הָאט גֶעגֶעסְן, דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ בֶּעג אוּן עֶס אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין טַייךְ אַרַיין. הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעזָאגְט: וֵויי וֵויי, דֶער אִיד הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְן פוּן זַיין שְׁטוּב אוּן אִיךְ קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּהְן.

סִימָן קפד): אַ 'נוֹאֵף' קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען דוּרְךְּ דִי נָאז; וַוייל כַּעַס קוּמְט פוּן דִי 'נָאז', עֶס בְּרֶענְט אִין אִים דִי הֵייסֶע צָארְן וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיין נָאז לֶעכֶער.

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיף כַּעַס דִי מֶערְסְטֶע אַכְטוּנְג גֶעבְן, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (זֹהַר הַקָּדוֹשׁ נָשֹׂא, דַף ק"ל ע"א; יְבָמוֹת קכ ע"א): דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען דוּרְךְּ דִי נָאז, אוּן אַז דוּ בַּאדֶעקְסְט דִי נָאז דֶערְקֶענְט מֶען דִיךְ שׁוֹין נִישְׁט. דֶערְפַאר אַז מֶען אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט דַארְף מֶען זִיךְ שֶׁעמֶען: אוֹי וֵויי! אֶפְשֶׁר קוּמְט עֶס וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט מִיט דֶעם חֵטְא, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רמט): פַּארְוָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית לח, ז): וַיְהִי עֵר... רַע בְּעֵינֵי ה'; פַּארְוָואס שְׁטֵייט דִי לָשׁוֹן 'רַע' - שְׁלֶעכְט, אוּן נִישְׁט 'רָשָׁע'?! נָאר וֶוער עֶס אִיז עוֹבֵר אוֹיף דִי גְרָאבֶּע עֲבֵירָה פוּן עֵר וֶוערְט אַ שְׁלֶעכְטֶער אוּן אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ [רַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן בֵּייז].

עֶס שְׁטֵייט אִין רֵאשִׁית חָכְמָה (שַׁעַר הַתְּשׁוּבָה פֶּרֶק ג): הַיינְט אִיז נִישְׁט דָא קֵיין אֵיין בָּחוּר וָואס אִיז רֵיין פוּן דֶעם חֵטְא[10]! אוֹיבּ אַזוֹי וָואס זָאלְן מִיר שׁוֹין זָאגְן הַיינְט, וֶוען מֶען הַאלְט דֶעם פְּעוֹר אִין טַאשׁ, אוּן מֶען נֶעמְט דָאס שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיס אוּן מֶען קוּקְט לֵיידֶער צַאם דִי עֶרְגְסְטֶע שְׁמוּץ אֵיינְמָאל אוּן

[10] שְׁטֶעלְט אַייךְ פָּאר: דָאס הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזָאגְט אִיבֶּער פִיר הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, וַוייל דֶער 'רֵאשִׁית חָכְמָה' אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רְמַ"ק [רֶבִּי מֹשֶׁה קוֹרְדוֹבִירוֹ] זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [פְּטִירָתוֹ כ"ב תַּמּוּז שְׁנַת ש"ל לפ"ק], וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינֶעם דוֹר פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז אִין דִי שְׁטָאט צְפַת גֶעוֶוען דֶער שֶׁענְסְטֶער דוֹר זַייט חוּרְבַּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ! דֶער 'רֶבִּי' דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל; 'רָב', דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף; 'בַּעַל דַרְשָׁן', דֶער אַלְשֵׁיךְ הַקָּדוֹשׁ; 'שַׁמָּשׁ', דֶער הֵיילִיגֶער חֲרֵדִים; 'חַזָן', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁלֹמֹה אֶלְקָבֵּץ וְכוּ'; מַמָּשׁ אַ דוֹר דֵעָה, אַזוֹי וַוייט אַז מֶען הָאט דֶעמָאלְטְס גֶעוָואלְט מַאכְן סְמִיכָה אוּן צוּרִיק שְׁטֶעלְן דִי 'סַנְהֶדְרִין' אַזוֹי וִוי אִין דִי צַייט פוּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ, וִוידֶער אִין דֶעם שְׁטֶעטְל צְפַת הָאט מֶען כִּמְעַט נִישְׁט גֶעזֶעהְן קֵיין אַרַאבֶּערְס, אֲפִילוּ יָא זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אִינְגַאנְצְן פַארְדֶעקְט קוֹים אָפֶען דִי אוֹיגְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן שְׁרַייבְּט עֶר אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא הַיינְט קֵיין אֵיין רֵיינֶער בָּחוּר, [וִוי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער 'יִשְׂמַח מֹשֶׁה' זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [פְּטִירָתוֹ כח תַּמּוּז תר"א לפ"ק] פַארְאַרְבֶּעט מַעֲשִׂים מֶען זָאל מְתַקֵן זַיין דֶעם חֵטְא, נָאכְדֶעם זַיינֶע דוֹרוֹת וַוייטֶער, דֶער 'יֶטֶב לֵב' זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְכוּ' וְכוּ', וִויפִיל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוֵויינְט אוֹיף דֶעם] אוֹיבּ אַזוֹי וָואס זָאלְן מִיר שׁוֹין הַיינְט זָאגְן?!

נָאכְאַמָאל[11], אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז צוּלִיבּ דֶעם פַאַרְלִירְט מֶען דִי וַוייבּ, דִי פַּרְנָסָה, אוּן דִי שֵׂכֶל... ! דֶערְפַאר דַארְף מֶען דָאס מְבַעֵר זַיין, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה דַף ח ע"א): **אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָא בְּמַה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת** - דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ נָאר פוּן וָואס זַיין אוֹיגְן זֶעהֶען.

## ח.

**אֵלֶה מַסְעֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל וְגוֹ'** (בַּמִדְבָּר לג, א). דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אָפְּשְׁרַייבְּן דִי צְוֵויי פֶערְצִיג מַסָעוֹת[12], בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן מ), פוּנֶעם סֵפֶר עַשָׂרָה מַאֲמָרוֹת: וִויבַּאלְד דִי אִידְן

[11] אוּן מֶען קֶען טְרֶעפְן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין לֵיידֶער אַזוֹי פַארְכַאפְּט אִין דֶעם, אַז אֲפִילוּ מִיט דִי טַלִית וּתְפִלִין קוּקְט עֶר אִינֶעם שְׁמוּץ טֶעלֶעפָאן [פְּעוֹר], וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מִיט דִי תְּפִלִין רֶעדְט עֶר 'נִיבּוּל פֶּה', וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה סִימָן א): וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז פוּל מִיט עֲבֵירוֹת. וַוייל פוּן וָואס עֶר טְרַאכְט אִין הַארְץ דָאס רֶעדְט עֶר אַרוֹיס.

[12] עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (צְרוֹר הַמוֹר פַּרְשַׁת מַסְעֵי), אַז דִי מ"ב מַסָעוֹת אִיז אַקֶעגְן דֶעם שֵׁם מ"ב.

הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט מִיטְן עֵגֶל, און זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת לב, ד): 'אֵלֶּה' אֱלֹקֶיךָ יִשְׂרָאֵל, וֶועגְן דֶעם 'מַסְעֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל' הָאבְּן זֵיי גֶעמוּזְט וַואנְדֶערְן אִין גָלוּת און הָאבְּן אַזוֹיפִיל נְסִיעוֹת; אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וִויפִיל עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף עֶר גֵיין אִין גָלוּת און אַרוּם וַואנְדֶערְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעהַאט אַ קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר גֶעהַאט פַּרְנָסָה אוֹיף זַיין פְּלַאץ, און נִישְׁט גֶעמוּזְט אַוֶועקְפָארְן קַיין אִינְדִיעֶ, טְשַׁיינֶע וְכוּ', [און אֲפִילוּ אַז דוּ מַאכְסְט בִּיזְנֶעס דָארְט, קֶענְסְטוּ דָאךְ שִׁיקְן אַן אַנְדֶערְן], אָבֶּער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן סב): דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פָּארְט דִי אַלֶע פַארְשִׁידְנַארְטִיגֶע נְסִיעוֹת, פַארְרֶעכְט מֶען טַאקֶע דֶעם פְּגַם פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, בִּיז מֶען בַּאקוּמְט צוּרִיק דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָּדוֹשׁ (עַיֵּין דֶּגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם פַּרְשַׁת מַסְעֵי, וְעוֹד), אַז דִי אַלֶע צְוֵויי און פֶערְצִיג מַסָּעוֹת וָואס שְׁטֵייט דָא אִין דִי תּוֹרָה גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן

אִיד, פוּן וֶוען עֶר וֶוערְט גֶעבּוֹירְן בִּיז עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט; אוּן דָאס קוּמְט צוּלִיבּ דֶעם חֵטְא פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אָן אַ שִׁיעוּר נִיצוֹצוֹת אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וָואס מִיר דַארְפְן יֶעצְט צוּרִיק צַאמְקְלוֹיבְּן.

דֶערְפַאר פִּירְט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אָנְקוּמֶען וואוּ עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען, אוּן קֶענֶען פַארֶעכְטְן וָואס עֶר דַארְף פַארֶעכְטְן, וַוייל וואוּ אַ אִיד גֵייט פַארְרֶעכְט עֶר עֶפֶּעס, עֶר וַואשְׁט זִיךְ דִי הֶענְט אוּן עֶר זָאגְט 'אֲשֶׁר יָצַר', אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע בְּרָכָה, אָדֶער עֶר דַאוֶוענְט וְכוּ', דֶערְפַאר הָאט דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: אַ אִיד גֵייט נִישְׁט, אַ אִיד פִּירְט מֶען! פוּן הִימְל פִּירְט מֶען שׁוֹין יֶעדְן אִיד וואוּ עֶר זָאל אָנְקוּמֶען[13].

[13] צוּם בַּיישְׁפִּיל אַמָאל קוּמְט מֶען אָן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא דָארְט אַ בֵּית הַחַיִים מִיט אַסַאךְ קְבָרִים, פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְוִיסְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן גֶעפוּנֶען זִיךְ יֶעצְט דָארְט וֶוערְן זֵיי פַארָאכְטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז מֶען פָּארְט אִין קָאנְטְרִי אוֹיף פְּלֶעצֶער וָואס עֶס הָאבְּן דָארְט אַמָאל גֶעוואוֹינְט

וֶועגְן דֶעם טָאר אַ אִיד קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן: פַארְוָואס הָאב אִיךְ גֶעמוּזְט אָנְקוּמֶען אִין דֶעם פְּלַאץ! וַוייל אַלֶעס אִיז מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַשְׁגָחָה, אוּן אַז דוּ בִּיסְט אַהִין אָנְגֶעקוּמֶען קֶענְסְטוּ דָארְט פַארֶעכְטְן, מִיט דֶעם וָואס דוּ מַאכְסְט אַן עֶרְלִיכְן 'אֲשֶׁר יָצַר', אָדֶער דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּ בְּרוֹיט אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁט.

אָפְּגֶערֶעדְט וֶוען אַ אִיד אִיז שׁוֹין שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, עֶר אִיז צוּפְרִידְן אוּן עֶר טְרֶעפְט זִיךְ דָאס פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז נָאר, וָואס דָאס אִיז דִי גְאוּלָה מַמָשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כד), טַייטְשְׁט אוֹיס דִי גְמָרָא (בְּכוֹרוֹת דַף ח ע"ב): וֶוען דִי חֲכָמִים פוּן גְרִיכְלַאנְד הָאבְּן זִיךְ פַארְהֶערְט מִיט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְשִׁידֶענֶע שְׁאֵלוֹת, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶע פוּן דִי שְׁאֵלוֹת: וואוּ אִיז אִינְמִיטְן פוּן דֶער וֶועלְט?! הָאט עֶר

---

אִידְן, אוּן זֵיי לִיגְן דָארְט, אוּן הַיינְט גֵייט מֶען אַהִין פַארֶעכְטְן... אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט אַלֶע נְסִיעוֹת וָואס אַ אִיד הָאט.

גֶעוִויזְן מִיט זַיין פִינְגֶער, אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: דָא! הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ דָאס אוּנְז אוֹיפְוַוייזְן?! הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: בְּרֶענְגְט שְׁטְרִיק אוּן מֶעסְט דָאס אוֹיס.

אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְגַלֶה אוֹיף דֶעם, אַז אֲפִילוּ אַ אִיד וָואס אִיז שׁוֹין טִיף אִין תְּהוֹם, אָבֶּער אוֹיב וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן וִויסְן אַז וואוּ עֶר אִיז נָאר, דָארְט אִיז אוֹיךְ דֶער בַּאשֶׁעפֶער דָא, וֶועט עֶר אַרוֹיסְקְרִיכְן אֲפִילוּ פוּנֶעם טִיפְסְטְן פְּלַאץ אוּן קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין צוּפְרִידְן וואוּ עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ נָאר, אוּן וִויסְן קְלָאר, אַז דָא אוֹיף מַיין פְּלַאץ אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דָא אִיז דֶער מִיטְל-פּוּנְקְט פוּן דֶער וֶועלְט, קוּמְט אָבֶּער גְלַייךְ דִי סִטְרָא אַחְרָא אוּן צוּבְּרֶעכְט אִים: וֶוער זָאגְט דִיר אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי? דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז "נָאר שִׂמְחָה", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט עֶר זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְן אַז עֶר אִיז אִינְמִיטְן פוּן דֶער וֶועלְט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט אִים וואוּ עֶר אִיז, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוֹיךְ וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (סוּכָּה נג ע"א): וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען 'שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה' הָאט הִלֵל הַזָּקֵן גֶעזָאגְט: אִם אֲנִי כַּאן הַכֹּל כַּאן, אִם אֵינִי כַּאן מִי כַּאן - אוֹיבּ אִיךְ בִּין דָא אִיז שׁוֹין יֶעדֶער דָא! אוּן אוֹיבּ בִּין אִיךְ נִישְׁט דָא אִיז גָארְנִישְׁט דָא. אִיז דָאךְ שְׁוֶוער (עַיֵין בַּמְפָרְשִׁים עַל זֶה): 'הִלֵל' אִיז דֶען גֶעוֶוען אַ בַּעַל גַאֲוָה? אַוַודַאי נִישְׁט! נָאר אִין דֶעם לִיגְט דִי גַאנְצֶע חָכְמָה פוּן לֶעבְּן, "מֶען דַארְף זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, אוּן וִויסְן, אַז אִיךְ בִּין דָא אִיז שׁוֹין אַלֶעס דָא"[14]. דֶערְפַאר זָאגְן חַזַ"ל (תַּעֲנִית כא, ע"ב): נִישְׁט דִי פְּלַאץ פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד אוּן מַאכְט חָשׁוּב דִי פְּלַאץ[15].

---

[14] לֵיידֶער אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זַייט דִי חֲתוּנָה הָאט עֶר שׁוֹין גֶעמוּפְט צֶען מָאל, וַוייל עֶר טְרֶעפְט זִיךְ נִישְׁט דָאס פְּלַאץ.

[15] אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז וֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד קוּמְט אַריין אֲפִילוּ עֶר זֶעצְט זִיךְ אוּנְטְן, וֶוערְט דָארְט דֶער אוֹיבְן אָן.

## ט.

סְפֶּעצְיֶעל דַארְף מֶען דָאס וִויסְן יֶעצְט אִין דִי דְרֵיי וָואכְן, וָואס פוּן אֵיין זַייט אִיז טַאקֶע אַ טְרוֹיעֶר, אַז עֶס אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען דֶער 'חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָש', אוּן שוֹין צְוֵויי טוֹיזֶענְט יָאר וָואס מֶען הַרְגֶ'עט נֶעבֶּעךְ אִידְן מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי שְרֶעקֶעדִיגֶע מִיתוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאךְ אַז אַ מֶענְטְש קוּקְט זִיךְ גוּט אוּם קֶען עֶר זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר הָאט זִיךְ מִיט וָואס מְחַיֶה צוּ זַיין אוּן זִיךְ אוֹיפְלֶעבְן, אַסַאךְ זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט: וָואס וֶועט זַיין? וֶוען וֶועל אִיךְ אַמָאל חֲתוּנָה הָאבְן? אוּן סוֹף כָּל סוֹף זֶעהְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער הֶעלְפְט, עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, נָאכְדֶעם הָאט עֶר נָאר גֶעוַוארְט אוֹיף קִינְדֶער... אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, אוּן אַזוֹי הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער מֶען הָאט אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אִיר אֵיינִיקְלֶעךְ, וָואס מִיט דִי אַלֶע זַאכְן דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְש מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה זַיין, אֵיינְמָאל אַז אַ מֶענְטְש פְרֵיידְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ דָאס אִיז דִי גְאוּלָה!!!

# דֶערְלֶעבְּט בָּרוּךְ הַשֵּׁם

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע זוֹכֶה זַיין אוּן דֶערְלֶעבְן צוּ זֶעהְן בְּבִנְיַן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן עֶס זָאל שׁוֹין זַיין דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר

של הספר הזה מאור עינינו,

חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד

קדושת מרן הגה"ק רבי

# אליעזר שלמה

בן רבי

# מנחם זאב

זצוקללה"ה

נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**



בס״ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ׳ן ראש ישיבה
הרה״ג ר׳
יואל רוטה
שליט״א
היכל הקודש
חיזוק
צום טיר
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
goodpointmediainc@gmail.com